# Célia Dropkin צילִיע דראָפּקין

## מיין מאַמע

**מיין מאַמע,**
**א צוויי און צוואַנציק יאָריקע,**
**אַן אלמנה מיט צוויי קליינינקע קינדער געבליבן,**
**צנועתדיק האָט זי באַשלאָסן צו קיינעם א ווייב מער ניט ווערן,**
**שטיל האָבן זיך אירע טעג און יאָרן געצויגן,**
**ווי פון א קאַרגער וואַקסענער ליכט באַלויכטן.**
**מיין מאַמע איז צו קיינעם א ווייב ניט געוואָרן,**
**נאָר אַלע פּילטעגיקע,**
**פּיליאָריקע, פּילנאַכטיקע זיפצן**
**פון איר יונגן און ליבענדן וועזן,**
**פון איר בענקנדיק בלוט,**
**האָב איך מיט מיין קינדערשן האַרצן פאַרנומען,**
**טיף אין זיך איינגעזאַפּט.**
**און מיין מאַמעס פאַרבאָרגענע זודיקע בענקשאַפט**
**האָט זיך, ווי פון אַן אונטערערדישן קוואַל,**
**פריי אין מיר אויסגעגאָסן.**
**איצט שפּריצט פון מיר אָפן,**
**מיין מאַמעס זודיקער, הייליקער,**
**טיף־פאַרבאַהאַלטענער באַגער.**

## Ma mère

**Ma mère,**
**A l’âge vingt-deux ans,**
**Restée veuve avec deux tout petits enfants,**
**Avait décidé, dans sa pudeur, de ne plus être la femme de personne.**
**Ses jours et ses ans ont passé calmement**
**Comme éclairés d’une avare chandelle de cire.**
**Ma mère n’a plus été la femme de personne,**
**Mais jour après jour**
**Année après année, nuit après nuit, les soupirs**
**De son jeune être aimant**
**De son sang désirant,**
**Je les ressentais dans mon cœur d’enfant,**
**Et m’en imprégnais profondément.**
**Et le désir brûlant et caché de ma mère**
**S’est déversé, comme d’une source souterraine,**
**En moi, librement.**
**Maintenant jaillit de moi à ciel ouvert,**
**L’appétit brûlant, sacré**
**Et profondément enfoui de ma mère.**